**גאווערנער קעטי האקול** **איף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/12/2023

**גאווערנער האקול גיבט איבער די לעצטע נייעס פאר ניו יארקער איבער די סטעיט'ס פארשריט מיטן באקעמפן קאוויד-19**

***גאווערנער ערמוטיגט ניו יארקער צו פארזעצן צו נוצן די כלים צו באשיצן פון און באהאנדלען קאוויד-19: וואקסינען, טעסטינג און באהאנדלונג***

***אינאיינעם מיט מאי 11 אויסלויף פון פעדעראלע קאוויד-19 פובליק געזונטהייט עמערדזשענסי, וועלן ניו יארק סטעיט קאוויד-19/וואקסין אפדעיט נייעס אויסגאבעס מער נישט ארויסגעגעבן נאך היינט, מאי 12***

***לעצטע ציפערן בלייבן [אוועילעבל אנליין](#) 24/7***

***אלע קאוויד-19 פובליק אינפארמאציע און הילפסמיטלען אוועילעבל אויף [Coronavirus.Health.NY.Gov](#)***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט גע'אפדעיט ניו יארקער אויף די סטעיט'ס לעצטע אינפארמאציע איבער קאוויד-19 און געשילדערט איינפאכע שריט וואס זיי קענען נעמען זיך צו באשיצן קעגן די פארשפרייטונג פון ווירעל רעספיראטארישע אינפעקציעס.

"טראץ דעם וואס די פעדעראלע פובליק געזונטהייט עמערדזשענסי האט זיך געענדיגט, דאך מוטיג איך יעדן ניו יארקער צו בלייבן וואכזאם קעגן קאוויד-19 און צו אויסנוצן אלע כלים וואס שטייען אונז צום האנט צו האלטן זיך אליין, זייערע נאנטע און זייערע קאמיוניטיס זיכער און געזונט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "בלייבט צייטליך מיט די וואקסין דאזעס און זיך צו טעסטן בעפארן גיין צו פארזאמלונגען אדער אויף רייזעס. אויב איר טעסט פאזיטיוו, רעדט מיט אייער דאקטאר איבער פאטענציעלע באהאנדלונג אפציעס."

אינאיינעם מיט די פעדעראלע רעגירונג'ס אויסלויף פון די קאוויד-19 פובליק געזונטהייט עמערדזשענסי אום מאי 11, וועלן די ניו יארק סטעיט קאוויד-19/וואקסין נייעס אויסגאבעס מער נישט ארויסגעגעבן ווערן האך היינט, מאי 12, ביז די קומענדיגע מעלדונג. די לעצטע קאוויד-19 און וואקסין ציפערן וועלן ווייטער זיין אוועילעבל 24/7 אויף די ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט'ס [אנליין טרעקער](#). אלע קאוויד-19 פובליק אינפארמאציע און הילפסמיטלען זענען אוועילעבל אויף [https://coronavirus.health.ny.gov/](https://coronavirus.health.ny.gov/).

אויך, קוקט די סטעיט דעפארטמענט אוו העלט איבער ענדערונגען צו קאוויד-19 אינפארמאציע זאמלונג און באריכטונג, אינאיינעם מיט לאקאלע געזונטהייט דעפארטמענטס און העלט קעיר פראוויידערס. אנגעהויבן קומענדיגע וואך, וועלן די פאלגנדע דעשבאורדס מער נישט זיין אנליין: [COVID-19](#) [Regional Vaccination Data](#), [Breakthrough Data,](#) און [NYS Pop-up Vaccination Data](#). די

אגענטור בלייבט פולשטענדיג איבערגעגעבן צו רעאגירן צו קאוויד-19, און מוטיגט ווייטער ניו יארקער צו נוצן די כלים זיך צו באשיצן קעגן און באהאנדלען קאוויד-19: וואקסינען, טעסטינג און באהאנדלונג.

גאווערנער האקול מוטיגט ניו יארקער צו אונטערנעמען די שכל'דיגע פארמיידונג מאסנאמען – ווי בלייבן צייטליך מיט די וואקסינען און היטן אויף ריינקייט – זיך צו באשיצן פון די פלו און פון קאוויד-19. די גאווערנער זעצט אויך פאר צו מוטיגן ניו יארקער צו באקומען די צוגאבליכע קאוויד-19 וואקסין, לויט די רעקאמענדאציעס פון די CDC.

צו מאכן אן אפוינטמענט פאר נאך א קאוויד-19 וואקסין, זאלן ניו יארקער זיך פארבינדן מיט זייער לאקאלע אפטייק, קאונטי העלט דעפארטמענט אדער מיט א דאקטאר; באזוכן vaccines.org; שיקן א טעקסט מעסעדזש מיט זייער זיפ קאוד צו 438829; אדער רופן 1-800-232-0233 צו טרעפן דערנעבנדע לאקאציעס. צו געפונען באהאנדלונג אפציעס, קענען ניו יארקער נוצן דאס געצייג צו געפונען א לאקאל וואס איז פאסיג פאר זיי.

די וועכענטליכע קאוויד-19 ציפערן איז צוזאמגענומען אין קורצן אונטן:

- **7-טאגיגע דורכשניט פון פעלער פער 100,000** - 2.59
- **סך הכל פאזיטיווע פעלער אין די לעצטע 7 טעג -** 3,537
- **טעסט רעזולטאטן באריכטעט איבער די לעצטע 7 טעג** - 164,944
- **סך הכל פאזיטיוו ביז היינט צו טאגס-** 6,678,930
- **7-טאגיגע דורכשניטלעכע פאציענטן האספיטאליזירט** - 576
- **7-טאגיגע דורכשניטלעכע נייע פאציענטן אין שפיטאל** - 83
- **7-טאגיגע דורכשניט פון פאציענטן אין ICU** - 61
- **7-טאגיגע דורכשניטלעכע פאציענטן אין ICU מיט אינטובאציע** - 28
- **נייע טויטפעלער באריכטעט אויף HERDS דורך העלטקעיר אנשטאלטן אין די לעצטע 7 טעג** - 32
- **סך הכל טויטפעלער באריכטעט דורך HERDS דורך העלטקעיר אנשטאלטן** - 62,520

די געזונטהייט עלעקטראנישע אנטווארט ציפערן סיסטעם ( Health Electronic Response Data System, HERDS) איז א מקור פון ציפערן פון די ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט וואס זאמלט ציפערן ווי באריכטעט דורך שפיטעלער, נוירסינג היימער און מושב זקנים אנשטאלטן.

- **סך הכל טויטפעלער באריכטעט צו און געזאמלט דורך די CDC** - 79,569

די טעגליכע קאוויד-19 טויט סערטיפיקאט ציפערן וועלכע ווערן באריכטעט דורך די העלט דעפארטמענט און דורך ניו יארק סיטי צו די CDC רעכענען אריין די וועלכע שטארבן אין סיי וועלכע ארט, אריינרעכענענדיג שפיטעלער, נוירסינג היימער, מושב זקנים אנשטאלטן, אינדערהיים, אין האספיס קעיר אדער אין אנדערע פלעצער.

- **סך הכל וואקסין דאזעס געגעבן** - 44,069,867
- **סך הכל וואקסין דאזעס געגעבן אין די לעצטע 7 טעג** - 34,987

- **פראצענט ניו יארקער פון 18 יאר און עלטער וואס זענען פולשטענדיג וואקסינירט -** %85.6
- **פראצענט ניו יארקער פון 18 יאר און עלטער וואס זענען פולשטענדיג וואקסינירט (CDC)** –%90.8
- **פראצענט ניו יארקער פון 18 יאר אלט און עלטער וועלכע זענען צייטליך מיט זייערע וואקסין דאזעס -** %16.9
- **פראצענט ניו יארקער צווישן 12 און 17 יאר אלט וואס זענען פולשטענדיג וואקסינירט** - %74.7
- **פראצענט ניו יארקער צווישן 12 און 17 יאר אלט וואס זענען פולשטענדיג וואקסינירט (CDC)** - %76.5.
- **פראצענט ניו יארקער צווישן 12 און 17 יאר וועלכע זענען צייטליך מיט זייערע וואקסין דאזעס -** %6.8
- **פראצענט ניו יארקער צווישן 5 און 11 יאר אלט וואס זענען פולשטענדיג וואקסינירט** - %40.3
- **פראצענט ניו יארקער צווישן 5 און 11 יאר אלט וואס זענען פולשטענדיג וואקסינירט (CDC)** - %41.2
- **פראצענט ניו יארקער צווישן 5 און 11 יאר וועלכע זענען צייטליך מיט זייערע וואקסין דאזעס** - %4.2
- **פראצענט ניו יארקער צווישן 0 און 4 יאר אלט וואס זענען פולשטענדיג וואקסינירט -** %8.2
- **פראצענט ניו יארקער צווישן 0 און 4 יאר וועלכע זענען צייטליך מיט זייערע וואקסין דאזעס** - %8.2
- **פראצענט פון אלע ניו יארקער וואס זענען פולשטענדיג וואקסינירט** - %76.6
- **פראצענט פון אלע ניו יארקער וואס זענען פולשטענדיג וואקסינירט (CDC)** - %81.0
- **פראצענט פון אלע ניו יארקער וואס זענען צייטליך מיט זייערע וואקסין דאזעס -** %14.7

יעדע ראיאן'ס 7-טאגיגע דורכשניט פון פעלער פער 100,000 מענטשן ווי עס האט געהאלטן דאנערשטאג, מאי 10:

| ראיאן | 7-טאגיגע דורכשניט, פעלער פער 100,000 |
|---|---|
| Capital Region | 1.54 |
| Central New York | 1.57 |
| Finger Lakes | 2.22 |
| Long Island | 3.19 |
| Mid-Hudson | 2.74 |

| | |
|---|---|
| Mohawk Valley | 1.62 |
| New York City | 2.94 |
| North Country | 2.11 |
| Southern Tier | 1.42 |
| Western New York | 1.65 |
| **אין די גאנצע סטעיט** | **2.59** |

ניו יארקער וועלכע ווילן באשטימען א צייט פאר וואקסין אפוינטמענטס פאר 5-ביז-11-יעריגע קינדער ווערן געמוטיגט זיך צו פארבינדן מיט זייערע קינד'ס דאקטאר, פאמיליע דאקטאר, קאונטי העלט דעפארטמענטס, פעדעראל-קוואליפיצירטע העלט צענטערס, רורעל העלט צענטערס, אדער פאַרמאַסיס וועלכע קענען גיבן דעם וואקסין פאר קינדער אין די עלטער. עלטערן און גארדיענס קענען באזוכן vaccines.gov, טעקסט'ן זייער זיפ קאוד צו 438829, אדער רופן 1-800-232-0233 צו טרעפן דערנעבנדע וואקסינאציע פלעצער. מאכט זיכער אז די וואקסינאציע פלאץ שטעלט צו די פייזער-בייאָוענטעק קאוויד-19 וואקסין, וויבאלד די אנדערע קאוויד-19 וואקסינען זענען יעצט נאכנישט אויטאריזירט פאר קינדער אין די עלטער.
די העלט דעפארטמענט'ס וועבסייט האט נייע אינפארמאציע, אפט געפרעגטע פראגן און ענטפערס, און הילפסמיטלען ספעציעל געמאכט פאר עלטערן און גארדיענס פון קינדער אין די עלטער.

**ראיאנישע וואקסינאציע ציפערן לויט לאקאציע פון פראָווײדער**
די סך הכל צאל ניו יארקער וועלכע זענען וואקסינירט געווארן און באקומען די בוּסטער, אויסגערעכנט לויט די ראיאן:

| ראיאן | פארענדיגטע סעריעס | צייטליך |
|---|---|---|
| Capital Region | 912,084 | 236,357 |
| Central New York | 614,771 | 151,223 |
| Finger Lakes | 833,752 | 252,961 |
| Long Island | 2,027,741 | 389,951 |

| | | |
|---|---|---|
| 351,457 | 1,577,843 | Mid-Hudson |
| 72,046 | 312,343 | Mohawk Valley |
| 1,054,214 | 7,495,047 | New York City |
| 64,664 | 285,915 | North Country |
| 111,403 | 420,755 | Southern Tier |
| 238,576 | 915,744 | Western New York |
| **2,922,852** | **15,395,995** | **אין די גאנצע סטעיט** |

די קאוויד-19 וואקסין נאכפאלגונג דעשבאורד ווערט פארעפענטליכט כדי צו אינפארמירן ניו יארקער איבער די פארטיילונג פון די קאוויד-19 וואקסין. דער ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט פאדערט אז וואקסינירונג איינריכטונגען זאלן באריכטן אלע קאוויד-19 וואקסין אויסטיילונג אינפארמאציע אין פארלויף פון 24 שעה; דער דעשבאורד ווערט טעגליך דערפרישט מיט די נייסטע די וואקסין אויסטיילונג אינפארמאציע וועגן די סטעיט׳ס וואקסינאציע באמיאונגען. ציפערן באריכטעט דורך די ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט פון די NYSIIS און CIR זענען עטוואס אנדערש פון ציפערן באריכטעט צו די פעדעראלע רעגירונג — וואס רעכנט אריין דאזעס געגעבן דורך די פעדעראלע רעגירונג און אנדערע קליינע אונטערשיידן. ביידע ציפערן זענען פארעפנטליכט אויבן.

**וויכטיגע באמערקונג:** די היינטיגע באריכט רעכנט אריין ציפערן פון פרייטאג, מאי 5 ביז דאנערשטאג, מאי 11.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן